STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11004

FABRIKANTN

Nechemias Zucker

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמיה צוקער

פאבריקאנטן

קאָמעדיע אין איין אקט

בוענאָס איירעס 1937

FABRICANTES

OBRA EN UN ACTO

POR

NECHEMIAS ZUCKER

BUENOS AIRES, 1937

Talleres Gráficos CULTURA, Sarmiento 2157

פ א ר ש ו י נ ע ן :

כּאָקין קולאַקאָווימש — — א פאַבריקאַנט

באַלבינא — — — — — ווין פרוי

ראָסיטא — — — — — — — ווייער טאָכטער

כּאָסע שמייכלפיין — — — קאַפּאַטאַס (אויפזעער)

מאַריא — — — — — — — א פּוילישע דינסט

זיגמונט דער גרינער — — — אן ארבעטער (קולאַקאָווימשס א קרוב).

כּאַקאָבאָ געלטזאמלער — — —)

עליאַס קאַרגמאַן — — — (פאַבריקאַנטן

פּינקוס שרעקמאַן — — —)

לאַזער צײַנהאַקער — — — אן ארבעטער

אָרט פון דער האנדלונג — ב. איירעס אָדער אנדערשוואו

צייט — געגנוואָרט

די לאָקאַליזמען קאָנען אין יעדער שטאָט
אָדער לאַנד לײַכט געענדערט ווערן.

(ביי קולאקאָוויטשן אין אויפנאמס-סאלאָן, רייך איינגעאָרדנט, א גרויסער טיש מיט צוועלף שטולן אינדערמיט, די דינסט מאריא, א מיאוסקייט, נעמט אראָפּ די פּלושענע דעק פון טיש און שפּריט א טישטוך, שטעלט אוועק גלעזער און ארבעטנדיק זינגט זי אין פּויליש:)

מ א ר י א : יאק טאָ נא וואָיענצע לאדניע
יאק טאָ נא וואָיענצע לאדניע
קיעדי אולאן ס'קאָניא ספּאדניע
קיעדי אולאן ס'קאָניא ספּאדניע!

קאָלעדזי גאָ ניע זשאלויאָן
קאָלעדזי גאָ ניע זשאלויאָן,
יעשטשע קאָנמי גאָ טראטויאָן
יעשטשע קאָנמי גאָ טראטויאָן!

א זא יעגאָ מלאָדע לאטא,
א זא יע...

(אויף דער שוועל פון צווייטער שטוב באווייזט זיך קולא-קאָוויטש, א גראָב-בייכיקער פּארשוין מיט קליינע זשעדנע און ביטרע אייגעלעך וואָס ליגן טיף, ווי ארייגעזעצט אין צוויי שמאלץ-גריבלעך, ווען מאריא באמערקט אים, הערט זי מאָמענטאל אויף זינגען, זיווארפט צו אים א קאסאָקע בליק און נעמט טון איר ארבעט שנעלער).

קולאקאוויטש:

(דערנענטערט זיך צו איר שמייכלענדיק:)

פראצי... כע־כע, ראָביטש... פרענטקאָ, דרושאָ ראָביטש... אי ניע אומי קאסטעושאנאָ... דרושאָ ראָביטש אי ניע... כע־כע...

(ער גיט איר א קיצל אונטערן אָרעם און זי שפּרינגט אָפּ ווי באליידיקט).

מאריא: טאַק, פּראָשע פּאנא, דרושאָ ראָביטש אי מאלאָ פּלאַטאָ... דרושאָ ראָביטש אי מאלא זאראָביטש...

קולאקאָוויטש: פּוּעדאס גאנאר מאס, כע־כע, דרושאָ מאס... באָנדזש בוענא אי וואס א גאנאר וויענצעי...

מאריא:

(לאָזט זיך פון אים נישט טשעפּען, רוקט זיך כסדר אָפּ, ער רוקט זיך צו)

נאָ... ניע... פּשירדזשע סעניאָרא... יא שען באָיע...

(זי שפּרינגט אָפּ פון אים, גייט אויף דער צווייטער זייט טיש און ארבעט שנעל).

קולאקאָוויטש:

(גייט צו צו דער טיר, הערט זיך איין א ווײַלע און קומט צוריק צום טיש און כאַפּט ארום מאריאן פון הינטן)

סעאָ בוענא, באָנדזש דאָברא... זיי גוט... וואס א גאנאר מוטשאָ... מאריא...

(זי רייסט זיך פון אים און ער לאָזט זי נישט אָפּ, ענדלעך גיט זי זיך אונטער, ער זעצט זיך שווער אויף א שטול און כאַפּט זי אויף דער שויס, שלעפּט פון קעשענע א באנקנאָט, וויל איר שטופּן דעם באנקנאָט אין בוזעם, אין דעם מאָמענט באווייזט זיך אויף דער שוועל פון דער צווייטער זייט סאלע באלבינא, ער דערזעט זי, שפּרינגט אויף האסטיק, אזוי, אז מאריע פאלט אויף דר'ערד, זי הויבט זיך שנעל אויף און לויפט אָפּ, קולאקאָוויטש גייט איר נאָך ביז צו דער טיר און בייזערט זיך:)

האָסטו געזען עפּעס? א דינסט, א שטיק האָלץ, א ליימע־נער גולם! איך שריי — פּרענטקאָ, שנעל, גרייט א טיש, איך האָב געסט אין שטוב...

(קוקט זיך אום ווי ער וואָלט זיין ווייב ערשט דערזען)

עהע, א גאַסט! האָסט עפּעס היינט צו שנעל פאַרענדיקט דיין פּאוקער... זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס פאַר א שלימזלדיקע דינסט האָסטו דאָס עפּעס צוגענומען? איך שריי עס זיינען דאָ געסט אין שטוב, אייל זיך, גרייט א טיש, זיצן שוין די געסט א שעה צייט אין מיין „עסקריי־טאָריע" (ביוראָ) און זי דרייט זיך ארום טיש ווי א טשע־רעפּאכע און מען מוז זי אונטערמונטערן... שיינע צייטן דערלעבט... באַאַקין קולאַקאַוויטש מוז אליין טרייבן א דינסט זי זאָל גרייטן א טיש ווייל געסט זיינען געקומען און זיין ווייב זיצט ערגעץ מיט אירע יאכנעס און שפּילט פּאוקער...

באלבינא: (א ברייטע מאדאם מיט א שפּאָרעוודיקן גוידער איז די גאנצע צייט וואָס ער האָט גערעדט, געשטאנען מיט פאַרביסענע ליפּן און בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ, תאלטנדיק זיך אזוי ווי פאר א שטורם, אָבער זי האָט זיך אויף לעצט באַהערשט, אויסגעטון דעם הוט און א וואָרף געטון אויפן טיש) איהים!..

קולאקאָוויטש: אז דו נעמסט אריין אזעלכע היל־צערנע דינסטן!..

באלבינא: און דו רעדסט נאָך אלץ? איך האָב אריינ־גענומען מאריאן ווייל זי איז געווען די מיאוסטע פאר־זעעניש פון אלע דינסטן וואָס די „אגענציע" האָט מיר צו־געשיקט; אָבער פאר דיר איז ווייזט אויס נישט פאַראן קיין מיאוסע פרוי...

קולאקאָוויטש: אָבער וואָס רעדסטו עפּעס? האָסט

דאָך אליין געזען, איך האָב זי אָנגעשריגן פאַר איר קרי־
כערישער ארבעט...

ב א ל ב י נ א : שוויג כאָטש! איך האָב אליין געזען... איך האָב געזען ווי דו האָסט זי אונטערגעמונטערט זי זאָל ארבעטן... דו הערסט? יונה מאָפּס, איך וועל דיר נאָך היינט אָפּשפּילן א חתונה, אז דו וועסט מיך האָבן צו גע־דענקען...

ק ו ל א ק אָ ו ו י ט ש : קודם בעט איך דיך, דו זאָלסט אויפהערן צו יונהן, נישטאָ מער קיין יונה, איך בין כאָאקין קולאקאָוויטש דער פאבריקאנט און אז איך קאָן זיך אן עצה געבן מיט הונדערטער געזונטע ארבעטער, וועל איך זיך מיט א קראנקער אידענע אוואדע אן עצה געבן...

ב א ל ב י נ א : איך בין א קראנקע אידענע? איך, א אידענע? יונה מאָפּס, דו נעמסט זיך שוין ווידער צו דיינע שטיק־לעך? איך וועל דיר אָפּדינען אזוי, אז שטאט דו זאָלסט בלייבן אן אַלמן, וועל איך בלייבן אן אלמנה...

ק ו ל א ק אָ ו ו י ט ש : זאָג נאָר, וויפיל האָסטו היינט פאר־שפּילט אין פּאוקער? ס'טו געהערט א מעשה; געגאנגען שפּילן אין קאָרטן איז די סעניאָרא באלבינא און צוריק־געקומען איז די אַלטע חנה־ביילע מיט אירע קללות...

ב א ל ב י נ א : איך זאָג דיר, הער אויף צו חנה־ביילען!

ק ו ל א ק אָ ו ו י ט ש : טאָ הער דו אויף צו יונה מאָפּסן.

ב א ל ב י נ א : אז דו טשעפּעסט זיך צו א דינסט א פאר־זעעניש, ביזטו אליין דער זעלבער יונה מאָפּס.

ק ו ל א ק אָ ו ו י ט ש : און אז דו שעלטסט זיך ווי א יאכנע, ביזטו אליין די זעלבע חנה־ביילע דער מארק־זיצערנס...

ב א ל ב י נ א : שוויג זאָג איך דיר!

ק ו ל א ק אָ ו י ט ש : שוויג דו, וועל איך אויך שווייגן.

ב א ל ב י נ א : ווער האָט זיך געטשעפּעט צו דער דינסט, איך צי דו?

ק ו ל א ק אָ ו י ט ש : ווער שטערט דיר דען? טשעפּע זיך אויך צון איר, „לע כורא", (אז אסור) אויב איך וועל דיר זאָגן אפילו א וואָרט... אריינגענומען א דינסט, א שטיק האָלץ, א טשערעפּאכע, האָט זי נאָך צו מיר טענות..

ב א ל ב י נ א : יונה מאָפּס!

ק ו ל א ק אָ ו י ט ש : חנה־ביילע דער מארק־זיצערנס!

ב א ל ב י נ א : שוויג, זאָג איך דיר!

ק ו ל א ק אָ ו י ט ש : טאָ שוויג דו!

ב א ל ב י נ א : איך וועל נישט שווייגן! איך וועל נישט שווייגן!

(כאפּט דעם הוט און ווארפט אים, נעמט די פּלוש־דעק און ווארפט אים, אין דעם מאָמענט ווען ער וויל פון זיך אראָפּווארפן די דעק וואָס האָט אים צוגעדעקט און זי האלט שוין גרייט א גלאָז אים צו ווארפן, דערהערט זיך א שטים און אויף דער שוועל באווייזט זיך כ א ק אָ ב אָ ג ע ל ט ז א מ ל ע ר און באלבינא ענדערט זיך מאָמענטאל, שטעלט אוועק דאָס גלאָז).

ג ע ל ט ז א מ ל ע ר : דיסקולפּע... איך האָב אייך געשטערט?..

ק ו ל א ק אָ ו י ט ש : (וועלכער האָט זיך דערווייל באפרייט פון דער דעק) חלילה! איר שטערט נישט.. אזוי שפּילן מיר זיך גאנץ אָפט. א ווייב מוז מען אמאָל צוליב טון...

זי דעקט מיך איבער מיט דער דעק און זאָגט מיר איך זאָל זי כאַפּן...

באלבינא: (מיט א שמייכל) און וואָס האָסטו זיך אָפּגעדעקט? זאָל דער סעניאָר געלטמאכער זען ווי מיר שפּילן זיך...

(זי דעקט אים צוריק איבער דעם קאָפּ מיט דער פּלוש-דעק און דרייט אים ארום, ביי דער געלעגנהייט גיט זי אים א פּעטשן קניפּ אז ער שפּרינגט אונטער און זי לויפט אוועק אין דער צווייטער זייט).

קולאקאָוויטש: (טאַפּט ארום זיך ביז ער כאַפּט ארום דעם סעניאָר געלטזאמלער און ער ווארפט אראָפּ פון זיך די דעק) א טעות געמאכט... דיסקולפּע... (אלע דריי לאכן).

געלטזאמלער: (שמייכלט פיל באדייטנדיק) אזוי איז גוט... זייט איר, הייסט עס, אן אונזעריקער... איך שפּיל זיך אויך א סך מאָל אזוי מיט מיינער און עס פרייט מיך צו זען אז דער ערנסטער סעניאָר קולאקאָוויטש איז אן אונזעריקער, אז ער האָט אויך ליב זיך א שפּיל צו טון מיט זיין סימפּאטישער סעניאָרא...

קולאקאָוויטש: און איצט, סעניאָרעס, דאַרף מען ווידער ווערן ערנסט.

באלבינא: עס איז מיט די דינסטן נישט אויסצוהאלטן; היינט האָב איך מיט איר געהאט א „דיסגוסטאָ" און איך וויל זי מער נישט זען פאַר די אויגן... מען צאָלט א דינסט אזוי פיל געלט, און דאָס איז א שטיק האָלץ, א ליימענער גולם, א טשערעפּאכע... אָט זעט איר, סעניאָר געלטזאמלער, עס זיינען פאראן געסט אין שטוב און זי האָט אפילו דעם טיש נישט געגרייט... ניין, איך וויל זי מער נישט אָנקוקן,

נאָך היינט וועט זי ביי מיר פליען פון דאנען... ראָסיטאַ
וועט מיר העלפן און מיר וועלן אליין סערווירן...
(נעמט זיך אליין פארענדיקן דאָס גרייטן דעם טיש)

געלטזאמלער: אָ, אלעם מיט וואָס איר וועט אונז מכבד זיין, וועט אונז טאָפּלט אזוי גוט שמעקן...

קולאקאָוויטש: און וואו זיינען אלע? וואָס זייט איר עפּעס אליין אריינגעקומען? (גייט צו דער טיר) סעניאָרעס! קומט אריין! (גייט אָפּ).

באלבינא: (ארבעטנדיק ארום טיש) אָט אזוי, צען דינסטן קענען דאָס נישט אָפּטון אין א טאָג, וואָס א באלעבאָס־טע טוט אָפּ אין איין מינוט...

געלטזאמלער: נישט יעדער האָט אָבער דאָס גליק צו האָבן אזא באלעבאָסטע פאר א פרוי.

באלבינא: אלע מענער זיינען די זעלבע, אלע דוכט זיך זיי אז דעם צווייטנס פרוי איז בעסער...

געלטזאמלער: ווי קאָנט איר דאָס זאָגן קעגן מיר? איר קענט דאָך מיין פרוי? איך באָד זי ממש אין שמאלץ און זי זעט אויס ווי אן ארויסגעצויגענע פון אן עסיק־וואנע... דאר ווי א „סקארבע־דיענטע"... אויף אייך איז דאָך א נחת צו קוקן; מען זעט אז איר זייט א פרוי...

באלבינא: איר זייט נישקשה פון א שאָלטעק, איר ווייסט ווי אזוי צו נעמען א פרוי אויף דער העצקע...

געלטזאמלער: אייך אויף דער העצקע? סעניאָרא, אויב איר זאָגט דאָס, דאן קענט איר נאָך נישט דעם סעניאָר געלטזאמלער... איך... איך...

באלבינא: (צוקומענדיק נאָנט צו אים) וואָס איך? אלץ זייט איר פון איין שניט.

געלטזאמלער: ווי קאָנט איר דאָס זאָגן וועגן מיר? וואָס זאָל איך טון? איך האָב ליב א פרוי, זאָל זי זיין א פרוי... איר פארשטייט? מיינע איז דאָך ווי א שטעקן אין א קליידל... זעט איר, ווען איך האָב אזא פרוי ווי איר...

(ער נעמט איר האנט צו זיינע ליפּן, עס הערט זיך א גע־רויש פון די אָנקומענדיקע, ער לאָזט שנעל אָפּ איר האנט, גייט צו דער טיר און רופט אנטקעגן:)

איצט, סעניאָרעס, דארף מען ריידן ביזנעס!..

(אויפטריט קארגמאן און שרעקמאן און נאָך זיי קולא־קאָוויטש).

קארגמאן: אוואדע ביזנעס, ווי דען? צייט איז געלט.

קולאקאָוויטש: ביי א ווארים גלעזל טיי מיט א קאניאקל פארבראָקט רעדט זיך א סך בעסער וועגן ביזנעס.

שרעקמאן: און איך האָב מורא פארן גאנצן עסק.

געלטזאמלער: איר שרעקט שוין ווידער? סעניאָרעס, איך זאָג אייך, אז מיטן סעניאָר שרעקמאן וועלן מיר ווייט נישט קומען; מען דארף אים שיקן אין א חדר וואו מען זאָל אים אויסלערנען קריאת שמע לייענען, אפשר וועט ער זיך דאַן אויפהערן שרעקן...

קולאקאָוויטש: זעצט אייך, סעניאָרעס, און פילט זיך היימיש. ווער עס קומט צו קולאקאָוויטשן אין שטוב, דארף פילן ווי ביי זיך אינדערהיים... — א נו, באלע־באָסטע, באַווייז דיין בריהשאפט און זאָל מען עפּעס זען אויפן טיש...

באלבינא: אפילו אומגעריכטע געסט, אָבער ביי קולאַקאַוויטשן אין הויז איז אלעמאָל דאָ גענוג אויף אויפצונעמען געסט ווי עס דאַרף זיין. (אָפּ)

(זיי זעצן זיך, קולאַקאָוויטש אויבנאָן)

שרעקמאַן: און איך, סעניאָרעס, זאָג אייך נאָכאמאָל, אַז איך האָב מורא פארן גאַנצן עסק. איך האָב נאָך נישט אויף זיך אַזוי פיל פּעדערן, אַז איך זאָל זיך קענען לאָזן אַזוי לאַנג פליקן...

קארגמאַן: און איך האָב אויך די זעלבע טענה. איר זעט דאָך אַז עס נעמט נישט קיין סוף. דריי וואָכן ווי אַלעס שטייט, די מאַשינען זשאַווערן און מען זעט נישט און מען הערט נישט...

געלטזאַמלער: אַז מען גייט אין מלחמה מוז מען קענען פּולווער שמעקן. מען דאַרף זיי לערנען ווער עלטער איז און ווער עס זיינען די באַלעבאַטים, מיר צי זיי.

שרעקמאַן: איך זע, אַז די באַלעבאַטים זיינען טאַקע זיי; אַט האָבן זיי באַשלאָסן אָפּצושטעלן די אַרבעט. נו, שטייען אונזערע פאַבריקן און עס זשאַווערן אונזערע מאַשינען...

קארגמאַן: דער אומגליק איז וואָס די רעגירונג און די פּאָליציי שווייגט. מיר לעבן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין א ציוויליזירט לאַנד און פּלוצלינג, ווען אַן אַרבעטער גיט זיך א שטאָך מיט א נאָדל, וואַרפט ער די אַרבעט און אַלע אַרבעטער טוען אים נאָך און עס שטעלט זיך אָפּ די גאַנצע ציוויליזאַציע... ווי מעג דאָס א רעגירונג פאַרשווייגן אַזא הפקרות? ווי הייסט, אָפּשטעלן אײַנמיטן דעריינען אַן אַרבעט?

(באלבינא און ראָסיטא קומען אריין מיט טאצן אויף וועלכע עס שטייען פארשידענע פלעשלעך און קיבעלעך. זיי שטעלן דאָס אויפן טיש).

קולאקאָוויטש: ביזט נישט ברוגז, ראָסיטא, וואָס די מאמע האָט דיר געשטערט אין דיינע געשעפטן? איר זעט, סעניאָרעס, דאָס איז מיין טעכטערל. זי רעדט פונקט אזוי ווי מיין קרוב זיגמונט דער גרינער און זי וואָלט זיכער אפלאָדירט ווען זי הערט אייערע נאַרישע רייד...

געלטזאמלער: (אָנגיסנדיק א גלעזל) אויסגעוואקסן א טאָכטער קיין עין־הרע! זי שפילט כאָטש פיאנע?

באלבינא: שוין אָפגעשפילט. וואָס דאַרף זי נאָך שפילן, אז זי האָט שוין באקומען דעם דיפלאָם אלס פראָפעסאָרא?

קולאקאָוויטש: עס האָט גענוג אָפגעקאָסט...

ראָסיטא: דיסקולפע, פאפא, איר האָט דאָך דאָ צו רעדן פון וויכטיקערע זאכן, וואָס רעדט איר וועגן מיר? — א גוטן אפעטיט... (אָפּ)

קולאקאָוויטש: איר האָט געהערט לשון? אָט אזוי איז זי געוואָרן; זי האלט מיט זיי... עס איז היינט אריין אין דער מאָדע און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? עס איז גוט אזוי... זיי זיינען קלוג. ווי לאנג זיי זיינען קינדער דארפן זיי זיין מיט יענע... טאָמער מאכן זיי טאקע די איבערקערעניש, זיינען אונזערע קינדער מיט זיי און עס וועט זיי נישט פעלן... ווידער נישט — וועלן די קינדער אונזערע ווערן באלעבאטים און זייערע קינדער, אונזערע אייניקלעך וועלן זיין מיט זיי... היינט זיינען די קינדער פון די גרעסטע לייט מיט זיי, מיט טשאָקאָלאד אין די

פיסקלעך העלפן זיי שרייען — „נידער מיט די עקספּלאָ־
טאַטאָרס“...

געלטזאַמלער: קלוגע רייד, כּלעבן, זייער קלוגע
רייד, אָבער סעניאָרעס, פאַרוואָס פאַרזוכט איר נישט?
(ער גיסט אָלעמען אָן גלעזלעך) סאַלוד! לחיים! נישט גע־
זאָרגט, סוף כּל סוף, אויספירן וועלן מיר.

שרעקמאַן: עס ווענדט זיך ווער עס וועט אויסהאַלטן;
מען דאַרף האָבן כּח דערצו...

קאַרגמאַן: דאָס איז דאָך מיין געשריי. 116 אַרבעטער
האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זיי אַרבעטן נישט שוין גאַנצע
דריי וואָכן, איר ווייסט וויפיל דאָס קאָסט מיך שוין אָפּ?
רעכנט אויס, ווען 116 אַרבעטער אַרבעטן שוין נישט
גאַנצע 21 טעג...

קולאַקאָוויטש: סעניאָרעס! איידער רעדן נאַריש־
קייטן, איז בעסער איר זאָלט שווייגן און לאָזן רעדן קלי־
גערע פון אייך...

שרעקמאַן: אייך איז גרינג צו זאָגן... אָבער...

געלטזאַמלער: וואָס אָבער? און אַז ביי מיר אין
מיין דעפּאַרטאַמענט־הויז שטייען שוין זייט 5 מאָנאַט
3 נישט־פאַרדונגענע דעפּאַרטאַמענטן? איך האָב באַ־
שטימט אַ פּרייז פאַר זיי און ווינציקער וועל איך נישט
נעמען, און זייט זיכער — אויספירן וועל איך... מען
דאַרף נאָר זיין אויסגעהאַלטן, מען דאַרף האָבן פעסטע
פּרינציפּן און מען זאָמלט אַ פאַרמעגן.

קאַרגמאַן: און איך האָב נאָך נישט אַזעלכע פעטע
אַקאַנטאָס אין באַנק, אַז איך זאָל זיך קענען שפּילן מיט

פרינציפּן. א געשעפטס־מענטש דאַרף קענען בייטן די פּרינציפּן זיינע לויטן קורס פון טאָג.

קולאַקאָוויטש: טראַכט איר אפשר וועגן אָננעמען די קאָנדיציעס פון די שלעפּער?

שרעקמאַן: נישט נאָכגעבן אינגאַנצן, אָבער מיר טראַכטן צו פאַרהאַנדלען מיט זיי, אפשר דאָך, אפשר וועלן זיי פאָרט איינזען אַז זיי פאַרלאַנגען דאָס אומעגלעכע...

קולאַקאָוויטש: אומעגלעך אָדער נישט אומעגלעך, איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איידער רעדן נאַריש־קייטן, לאָזט בעסער רעדן קליגערע פון אייך... איר הערט? איר וועט נישט פאַרהאַנדלען און איר וועט נישט פּרוּוון נאָכגעבן גאָרנישט. איר הערט? גאָרנישט! זיינען מיר פאַבריקאַנטן, באַלעבאַטים, וועלן מיר זיי געבן הוספות דעמאָלט, ווען מ י ר וועלן וועלן און נישט דע־מאָלט ווען ז י י ווילן... און אויב איר, סעניאָר קאַרגמאַן האָט ליב בייטן אייערע פּרינציפּן לויטן קורס פון טאָג, דאַן מעגט איר עס וויסן, און אויך איר, סעניאָר שרעק־מאַן, אַז אייערע קורסן שטייען היינט גאָרנישט אַזוי גוט... אויב איר וועט נאָכגעבן אייערע שלעפּער אויף איין סענט, פאַלן אייערע קרעדיטן אין די בענק, ווייל אַז מען גיט י ע נ ע ם קאָן מען אַליין נישט האָבן... איך ווייניקסטנס, אין די בענק וואו א י ך האָב צו זאָגן, וועט איר אייך מיט אייער שלאַבריקייט גאָרנישט פאַרבעסערן...

קאַרגמאַן: איך האָב געמיינט...

געלטזאַמלער: איר דאַרפט נישט מיינען... אַז דעם סעניאָר קולאַקאָוויטש לוינט עס און מיר לוינט עס, דאַרף עס אייך אויך לוינען. מיר האָבן אויך נישט אונ־

זערע פאַבריקן מיט אַמאָל אויסגעבויט. מיר האָבן אַמאָל אויך געהאַט נישט מער ווי צו הונדערט אַרבעטער און ווען מיר זאָלן געוועזן אַלעמאָל נאָכגעבן זייערע פאָדערונגען, וואָלטן מיר געבליבן שטיין ביים אָנהויב...

(עס קומט אריין כאַסע שמויכלפיין, א לאַנגער דאַרער פּאַרשוין מיט חניפהדיקע מאַנירן) בוינעם טאַרדעס, סע ניאָרעס!

שרעקמאַן: נו?

שמויכלפיין: עס גייט ווי געשמירט. זיי וועלן אליין פאַלן איבער די הענט... עס איז ביי זיי טרויעריק און ביטער... איך קום איצט פון זיי און איך ווייס אַז זיגמונט דער גרינער וועט דאָ באַלד קומען אַלס זייער דעלעגאַט.

געלטזאַמלער: נו, סעניאָר שרעקמאַן?

קולאַקאָוויטש: דאָס זיינען מערזאָוועס... אַזאַ ביטערע צייט... און זיי זיינען דאָס די גוטע מענטשן... זיי שרייען דאָס „אַלע גלייך", יעדן קומט, הייסט עס, אַ גלייכער טייל פון דער וועלט, נאָר זיי דעם גרעסטן... הונדערטער און טויזנטער אַרבעטער גייען אַרום אָן אַרבעט, אָן אַ היים און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און ווען די מערזאָוועס וואָלטן בלויז אַראָפּגעלאָזט צו איינציקע פּערטעלעך, וואָלטן נייע טויזנטער מענטשן אויך געקאָנט אַרבעטן און לעבן... זיינען זיי דאָס די שרייער, די גוטע מלאכים וואָס ווילן די וועלט אויסלייזן...

שמויכלפיין: כע־כע, אַזאַ יאָר צו מיר ווי גערעכט ער איז! דער סעניאָר קולאַקאָוויטש איז אַלעמאָל גערעכט; אפילו ווען ער איז נישט גערעכט, איז ער אויך גערעכט! ער ווייס וואָס ער זאָגט; טויזנטער אַרבעטסלאָזע און זיי וואַרפן גאָר די אַרבעט...

געלטזאמלער: מן־הסתם האָבן זיך שוין די אַרבע־טער איבערגעאַרבעט, דאַרף מען איצט אַנדערש געבן ברויט...

שמייכלפיין: דאָס איז עס דאָך. איר האָט דען נישט פאַרשטאַנען סעניאָר קולאַקאָוויטשעס ווערטער? קלוגע ווערטער, אַזאַ יאָר צו מיר... טויזנטער אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ... פאַר אַ פערטל געלט קאָן מען זיי באַקומען...

קולאַקאָוויטש: איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען. די אַנדערע אַז מען נעמט צו אָן אַרבעט, הייסן זיי שטרייק־ברעכער, „קאַרנערס‟ און זיי האַלטן זיך פאַר גאַנצע מיוחסים און זיי אַרבעטן נישט און זיי טויגן נישט צו דער אַרבעט און אַרבעטער טאָרן נישט זיין קיין מיוחסים; אַלע גלייך, מערזאַווצעס... מען מוז ברעכן די עקשנות פון די שטרייקער, דאָס איז אַלעס; מען מוז זיי לערנען דרך־ארץ...

שמייכלפיין: כע־כע, דאָס זאָג איך דאָך טאַקע, זיי זייגען שוין אָנגעלערנט, זיי פאַלן איבער די הענט... זיגמונט דער גרינער וועט זיכער באַלד קומען פאַר־האַנדלען...

קולאַקאָוויטש: „קאַרנעראָס‟ טויגן נישט צו קיין אַרבעט, ווייל וואָלטן זיי יאָ געטויגט, וואָלטן זיי נישט געווען קיין קאַרנעראָס...

קארגמאן: ביי מיר האָט איינער זיך צוגערירט צו אַ מאַשין, האָט ער זי צעבראָכן און ווער ווייסט וויפיל עס וועט קאָסטן דאָס צורעכט מאַכן.

קולאַקאָוויטש: אָבער פאַר איין זאַך טויגן זיי יאָ; פאַר אָפּשרעקן און פאַר לערנען מיט זיי דרך־ארץ די

אנדערע. די עקשנים... מען דארף אונזערע שטרייקער סטראשען מיט שטרייק־ברעכער און ווען זיי וועלן זען אז זייער שיסעלע רייז איז אין געפאר, וועלן זיי קלוגער ווערן...

ש מ י י כ ל פ י י ן: הלואי לעב איך אזוי, ווי איך האב געוואוסט אז סעניאר קולאקאוויטש וועט דאס צוטראכטן; דאס איז די חכמה אליין; איך האב באפוילן אז לאזער צייגהאקער זאל קומען... זאל זיגמונט אים דא טרעפן, וועט עס ווירקן ווי מיט א דובינע איבער זייערע קעפ...

(פון דער פראנט־טיר באווייזט זיך זיגמונט דער גרינער, גלייכצייטיק באווייזט זיך אויך ראסיטא אויף דער שוועל פון איר טיר, זי ציט זיך צוריק און קוקט א באהאלטענע הינטערן פארהאנג צו זיגמונטן.)

ז י ג מ ו נ ט: א גוטן אייך. (בלייבט שטיין מיטן היטל אין האנט).

ק ו ל א ק א ו ו י ט ש: קאנסט זיצן. ביזט דאך עפעס אן אייגענער... ביזט געקומען גלאט אזוי אביסל צו גאסט, אדער...

ז י ג מ ו נ ט: צו גאסט קומט מען, ווען עס איז גוט אויפן געמיט און איר זייט מיר איצט נישט קיין אייגענער. איך בין געקומען אין שליחות...

ק ו ל א ק א ו ו י ט ש: פיין, זייער פיין; דער פלימעניק איז געקומען צו זיין פעטער אין שליחות, נישט אין פעטערס אינטערעסן, נאר אין די אינטערעסן פון פרעמדע שלעפער און בונטאווטשיקעס... אבער איך האלט דיך דאווקע פאר אן אייגענעם, איך האב דיך געבראכט אהער און איך נעם זיך די רעכט צו רעדן מיט דיר ווי צו א אייגענעם... סע־

ניאָרעס, איר וועט אזוי גוט זיין אריינגיין אהינצו, איך וויל זיך אביסל דורכשמועסן מיט מיין פּלימעניק...

(אלע וואָס זיינען געזעסן שווייגנדיק ווי אין האלבן דרימל, שטייען אויף און נישט קוקנדיק אפילו צו זיג-מונטן, גייען זיי פּאמעלעך אָפּ דורך דער טיר פונוואנען זיי זיינען געקומען.)

שמייכלפּיין: זעט, קאָלעגע זיגמונט, זאָל נעמען א סוף, מען דארף דאָך ארבעטן!.. (אָפּ)

קולאקאָוויטש: (קוקט נאָך וואו שמייכלפּיין איז אָפּ, נאָך א ווײַלע, דרייט ער אויס דעם קאָפּ צו זיגמונטן, קוקט אויף אים מיט רחמנות און פאָרוואורף:)
נו? האָט ביי מיר אזא זשוליק באראבעט זיין קאפּאטאס? דו וואָלסט דאָך ביי מיר געווען געקאָנט דערגרייכן די גרעסטע קאריערע! אוי, זיגמונט, ווער ווער, נאָר דו ווייסט דאָך יאָ מיין גוט הארץ... האָב איך געזשאלעוועט פאר דיר? געשיקט דיר א שיפסקארטע צווייטע קלאס, איך האָב געוואוסט אז דו האָסט אינדערהיים שטודירט, האָב איך נישט געוואָלט דו זאָלסט פאָרן צוזאמען מיט די שלעפּער... איך האָב דיך אויפגענומען ווי אן אייגענעם זון און דו וואָלסט דאָך געקאָנט ביי מיר דערגרייכן די גרעס-טע קאריערע...

(ראָסיטאַ וועלכע איז נאָך אלץ געשטאנען הינטערן פאָר-האנג, קומט אריין און ווען אירע בליקן באגעגענען זיך מיט זיגמונטס, בלייבט זי שטיין ווי צעמישט, אָבער באלד קומט זי צו זיך און נעמט כלומרשט עפּעס זוכן אין קרע-דענץ).

קולאקאָוויטש: ראָסיטאַ... וועסט שפּעטער זוכן... איצט וויל איך צום לעצטן מאָל פּרואוון דיין קוזין די אויגן עפענען... לאָז אונז אליין.

ד אַ ס י ט א : (וואַרפט נאָכאמאָל א ליבן און בעטנדיקן בליק אויף זיגמונטן, גייט אַפּ.)

ז י ג מ ו נ ט : (שטייט די גאַנצע צייט ווי צעטומלט, קוקט נאָך ראָסיטאַן, מאַכט א באַוועגונג ווי ער וואָלט איר געוואָלט נאָכגיין).

ק ו ל א ק אָ ו ו י ט ש : דו הערסט? די גרעסטע קאַריערע! עס וואָלט דיר געקאָנט זיין בעסער ווי א מענטש קאָן נאָר חלומען... זעץ דיך און לאָמיר זיך דורכשמועסן.

ז י ג מ ו נ ט : (איז דערווייל געקומען צו זיך) פעטער, איך ווייס אַלעס וואָס איר האָט פאַר מיר געטון און ווען איך וויל, טראַכט איך אַז איר האָט דאָס אַלעס געטון פ א ר ז י ך, אַז איר האָט אריבערגענומען צו זיך אייער פאַר־שטאָרבענעם ברודערס זון, כדי צו באַרואיקן אייער גע־וויסן... און אפשר האָט איר געהאַט נאָך אַנדערע אויס־רעכענונגען... אַז איך וויל טראַכט איך אַזוי און איך ווייס, אַז איך מאַך נישט קיין טעות; אָבער איצט וויל איך אַזוי נישט טראַכטן און איך גיב צו, אַז איר האָט פאַר מיר א סך געטון און אויב איר ווילט מיר מיט עפּעס אַרויסווייזן, אַז איר האָט עס נישט געטון פון עגאָאיס־טישן שטאַנדפּונקט, טאָ טוט פאַר מיר דאָס מאָל די איינע זאַך, גיט נאָך די גרעסטע פאָדערונג פון די אַרבעטער. נישט קיין לוין־הוספה פאָדערט מען היינט, כאָטש דאָס וואָלט אויך נישט געווען קיין עולה, ווייל די פּראָדוקטן וואָס גייען אַרויס פון די אַרבעטערס הענט, ברענגען קאָ־לאָסאַלע פּראָפיטן; מיר ווייסן עס; אָבער נישט קיין לוין־הוספה פאָדערן מיר איצט, נאָר מיר פאָדערן אַז אויב מען דאַרף אויף אונז אַרויפלייגן געלט־שטראָפן פאַר יעדן פעלער אויף דער אויסגעאַרבעטער סחורה, ווילן מיר, עס זאָל פריער פעסטגעשטעלט ווערן, צי איז עס טאַקע דעם

ארבעטערס שולד, צי איז עס די שולד פון פאבריקאנט וואָס האָט צוגעשטעלט פארלעגנעם אָדער שלעכטן רוי־מאטעריאל, וועלכער לאָזט זיך נישט אויסארבעטן אָן פע־לערן... איך ווייס, אז אויב איר וועט נאָכגעבן, וועלן די איבעריקע פאבריקאנטן אווארע נאָכגעבן; איר זייט זייער טאָן־געבער און איך רעד צו אייך אין נאָמען פון אלע ארבעטער, אין נאָמען פון זייערע הונגעריקע פאמיליעס, אין נאָמען פון זייערע פארצערטע פרויען און קראנקע קינדער. די ארבעטער־פאמיליעס הונגערן!..

קולאקאָוויטש: זעסטו, ווי לאנג דו האָסט גערעדט פון דיר, פון זיך אליין, האָב איך דיך נאָך פארשטאנען... דו ביזט מיין ברודערס זון, איך האָב דיך אריבערגע־בראכט אהער, און איך וויל פאר דיר אלעס טון.

אָבער ווען דו הויבסט אָן רעדן מיר און מיר, וועד איז דער מיר? וואָס פאר א שייכות האָסטו מיט די שלעפער? איך האָב דאָך דיך נאָר גענומען אין פאבריק דו זאָלסט זיך באקענען מיט דער ארבעט, אָבער נישט אלס ארבעטער! איך האָב דאָך געוואָלט פאר דיר א תכלית! דאָ איז דאָך אמעריקע און מען דארף עפּעס אויפ־טון! צי מיינסטו אז איך בין דאָ באלד געוואָרן דאָס וואָס איך בין? אנדערע וואָס זיינען געקומען אהער אין מיין צייט, האָבן אינזינען געהאט פארייגען, שולן און חברות, זיינען זיי געבליבן שלעפער ביז היינט; זיי זיינען היינט די שמשים אָדער די אינקאסענטן פון מיטגליד־אָפצאָל און איך, כאָאקין קולאקאָוויטש, וואָס האָב געזוכט א תכלית, בין היינט דער אויסהאלטער פון די אלע אינסטי־טוציעס. איך גיב די בעסטע נדבות און אלע האָבן דרך־ארץ פאר מיר...

נישט מיט אמאָל בין איך געוואָרן דאָס וואָס איך בין; איך האָב נישט געהאַט דאָ קיין רייכן פעטער ווי דו, וואָס דו קאָנסט מיט איין שפּרונג אַרויפשפּרינגען אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון דיין קאַריערע... איך האָב זיך געמוזט שלעפּן שטאַפּעלווייז, פּאַמעלעך אָבער מיט מיין שׂכל און מיט מיין ווילן, האָב איך זיך אַרויפגעשלעפּט... איך האָב אָנגעהויבן ווי אַלע גרינע, מיט קלאַפּן אין די הייזער מיט אַ פּעקל סחורה אויף די אַקסל... און וואָס וואָלטן די אַלע אַרבעטער געטון ווען איך אַרבעט זיך נישט אַרויף און איך עפן זיי נישט קיין פאַבריק? פאַר וועמען האָב איך דען געעפנט אַ פאַבריק און פאַר וועמען פאַרגרעסער איך זי בסדר? פאַר זיי, פאַר די שלעפּער, זיי זאָלן האָבן ברויט! איך האָב געלט גענוג, איך דאַרף מער נישט קיין פאַבריקן און אַז די שלעפּער וועלן מיר אַזוי אָפּרינען פאַר מיין גוט האַרץ, וועל איך די פאַבריקן אינגאַנצן ליקווי־דירן און זאָלן זיך די אַרבעטער אַליין מאַכן אַ פאַבריק... אַ נו, זאָג דו אַליין, וואָס וואָלטן די הונדערטער אַרבעטער מיינע געטון, ווען איך עפן זיי נישט קיין פאַבריקן?..

ז י ג מ ו נ ט : איך ווייס נישט צי זייט איר טאַקע אַזוי איינגעגלויבט אין זיך, אַזוי קורצזיכטיק, אַז איר מיינט עס טאַקע ערנסט אַזוי, צי רעדט פון אייך אַרויס דער זאַט־געגעסענער געמיינסטער ציניזם. די אַרבעטער וואָלטן אַלעמאָל געפונען אויף אַזוי פיל אַרבעט, אַז זיי זאָלן נישט שטאַרבן פון הונגער און איר האָט זיי נישט מער געצאָלט ווי הונגער־לוינען.

איר האָט פאַר דער כלומרשטער טובה וואָס איר גיט זיי ברויט, אָפּגענומען ביי זיי זייער שווייס און פּראַצע. איר האָט זיי געגעבן טרוקן ברויט און זיי האָבן אייך אויפגעבויט פאַבריקן! איר פרעגט וואָס זיי וואָלטן געטון

ווען איר עפנט נישט קיין פאבריקן? פרעג איך אייך, וואס וואלט איר געטון, ווען איר באקומט נישט קיין אר־בעטער? צי וואלט איר אן ארבעטער אויך דערגרייכט אזא רייכטום? צי וואלט איר אן ארבעטער אויך געקאנט ווערן דער באלעבאס פון עטלעכע אויסגעבויטע פאבריקן מיט הונדערטער מאשינען און פון אן אייגענער רייכער היים? דאס האבן דאך אלץ די ארבעטער פאר אייך גע־שאפן! דאס האבן דאך די ארבעטער אונטערגעשטעלט זייערע הארעפאשנע פלייצעס, אז איר זאלט איבער זיי קע־נען קריכן א שטאפל נאך א שטאפל, העכער און העכער! איר האט די ארבעטער אייערע כסדר געטון טובות, און זיי זיינען אלע געבליבן ארים, פארוויסט און הונגעריק און די ארבעטער האבן אייך כסדר געטון שלעכטס, און מיט זייער שלעכטיקייט האבן זיי פאר אייך אויסגעבויט ווי די אידן אין מצרים, פתום ורעמסס!.. סעניאר קולאקא־וויטש! איך בין געקומען צו אייך מיט אן אפיציעלע שליחות, איר ווילט נאכגעבן די גערעכטע פאדערונגען פון די ארבעטער, אדער נישט? די ארבעטער זיינען פארבי־טערט און די פיר הונדערט ארבעטער פון אייערע אנדערע פאבריקן האבן שוין צוגעזאגט זייער סאלידאריטעט... מיר וועלן הונגערן און אפילו שטארבן און אייער בייזע עקשנות וועלן מיר ברעכן!..

קולאקאוויטש: (קוקט מיט א שמייכל פון כלומרשטער צופרידנהייט אויף זיגמונטן בעת ער רעדט מיט פייער, ענדלעך שאקלט ער דעם קאפ מיט באדויערן) אוי זיגמונט, זיגמונט, ווען דו ביזט א שטיקל מענטש, וואלסטו דאך דא מיט אזא שפראך געקאנט ווערן דער בעסטער „אבאגאדא"! דוכט זיך קלוג און קלוג און רעדט אזוי שיין און פיין און דאך, אן אומגליקלעכע קלעפקע אין

קאַפּ... (געענדערט, שטייט אויף) איך וועל דיר אָבער די קלעפּקע פון קאָפּ ארויסשלאָגן. הער אויס, זיגמונט, אויב דו ביזט געקומען עפּעס רעדן וועגן זיך, בין איך גרייט אלעס צו טון פאר דיר; אָבער אויב דו ווילסט זיין דער שליח פון די שלעפּער, איז א שאָד יעדעס וואָרט דיינס; איר האָט די סאָלידאריטעט פון מיינע אנדערע ארבעטער, איך וועל אייך צוהעלפן האָבן די סאָלידאריטעט. איך וועל זיי אלעמען ארויסוואַרפן. דערווייל בין איך באלעבאָס און איך וועל נישט לאָזן אז עמיץ זאָל מיר דיקטירן! איך קאָן נאָר צאָלן פאר ארבעט און גוטע ארבעט און מאכט מען פעלערן מוז מען פאר זיי באצאָלן און איך וועל נישט דערלויבן אז יעדער שלעפּער זאָל זיך מישן אין מיינע געשעפטן און פאַרשן וואָס פאר א רוי־מאטעריאלן איך גיב אים צום אויסארבעטן...

ז י ג מ ו נ ט : איז דאָס אייער לעצט וואָרט?

ק ו ל א ק אָ ו י ט ש : דאָס איז מיין לעצט וואָרט וועגן די בונטאָווטשיקעס; וועגן דיר פערזענלעך, גיב איך דיר נאָך דריי טעג צייט דו זאָלסט זיך באזינען מיט וועמען צו גיין. מיט מיר, צי מיט זיי. דריי טעג צייט און דערנאָך — איך קען דיך נישט מער און דו האָסט דאָ גאָרנישט מער צו זוכן... (גייט צו צו דער טיר) סעניאָרעס, שמייכלפיין, קומט אריין.

(די פריערדיקע קומען אריין)

ש מ יי כ ל פ יי ן : נו? דערליידיקט?..

ק ו ל א ק אָ ו י ט ש : דערליידיקט! איך האָב געזאָגט מיין לעצט וואָרט. דערווייל זיינען מיר באלעבאטים און מיר האָבן צו זאָגן. מיר געבן ברויט און מען דאַרף אונז דער־

פאר פאָלגן! מיר זיינען פאבריקאנטן און מיר וועלן האנדלען ווי אונז וועט זיך לוינען!..

זיגמונט: זייט איר, סעניאָרעס, מיט דער זעלבער מיינונג פון סעניאָר קולאקאָוויטש?

שרעקמאן: איך וועל אייך זאָגן דעם אמת... איך...

געלטזאמלער: ביי מיר שטייען דריי דעפּאָרטאַמענטן ליידיק שוין זעקס חדשים און איך וועל זיי נישט אָפּגעבן נאָר פאר דעם פרייז ווי איך וויל...

קולאַקאָוויטש: סעניאָר גרינער! גייט צו אייערע שלעפּער און זאָגט זיי, אז נאָך איז דער ווילן פון די פאבריקאנטן נישט געבראָכן און דער ווילן וואָס האָט אונז דערהויבן צו אונזער פּאָזיציע, דער זעלבער ווילן וועט א סוף מאכן צו דער חוצפה פון שלעפּער!

זיגמונט: די אומגערעכטע עקשנות פון זאטן און רייכן, וועט קיינמאָל נישט ברעכן די גערעכטע עקשנות פון הונגעריקן, עקספּלאָאטירטן און פארביטערטן האָרעפּאשניק!

(ער וויל אָפּגיין, אין טיר קומט אים אנטקעגן לאַזער ציינהאקער וועלכער שטופּט אים צוריק אריין).

ציינהאקער: בוינעס טארדעס, סעניאָרעס. איך בין געקומען מעלדן, אז איך האָב א סך ארבעטער וואָס זיינען מאָרגן גרייט קומען צו דער ארבעט.

(ווען זיגמונט וויל ווידער אוועקגיין, פארהאלט אים ציינהאקער).

דאָ בלייבן! — איר הערט, סעניאָרעס, מאָרגן קאָנען א סך ארבעטער קומען צו דער ארבעט. אוים שטרייק. אלע

שטרייקער וועלן צוריקגיין צו דער ארבעט וועט לאָזער וועט זיי הייסן...

ש מ יי כ ל פ יי ן : נישט קיין שטרייק־ברעכער? ווי אזוי האָסטו עס געמאכט, ביזט דאָך גאָר אַ מזיק...

צ יי נ ה א ק ע ר : נישט קיין שטרייק־ברעכער, זיי טויגן אויפן פייער... די זעלבע ארבעטער, קיין איינער וועט נישט פעלן...

ק ו ל א ק אָ ו י ט ש : (טריומפירנדיק) נו, זיגמונט? פאר וועמען דו ביזט זיך געגאנגען איינשטעלן... איצט האָבן זיי דיך געמאכט צום נאַר...

ק א ר ג מ א ן : וואָס? האָבן זיי זיך טאקע בארעכנט? זאָגן זיי זיך טאקע אָפּ פון די חוצפּהדיקע פאָדערונגען?

צ יי נ ה א ק ע ר : וואָס חוצפּהדיקע פאָדערונגען? איך זאָג דאָך אייך, אז איר ווילט, וועלן מאָרגן אלע ארבעטער צוריקגיין צו דער ארבעט, אָבער, איר מוזט נאָכגעבן די פאָדערונגען, ווייל זיי זיינען נישט חוצפּהדיק נאָר גערעכט.

(אלע בלייבן דערשטוינט און זיגמונט פארוואונדערט)

ש מ יי כ ל פ יי ן : וואָס בעבעסטו דו עפּעס? ביזט שיכור?

צ יי נ ה א ק ע ר : איך בעבע נישט און דו האלט דאָס מויל, ווייל אז איך וועל דיר געבן א פארפאָר אין טראַמווײַ, וועלן דיר אלע פאסאזשירן ארויספליען!... איר הערט, סעניאָרעס, ס'עט א בראנד אין אייער לעבער אריין און איר וועט מער לאָזען נישט מאכן פאר קיין שטרייק־ברעכער! דריי מאָל האָב איך שוין פאראטן מיינע חברים, געשלאָגן, געהאקט ציין און געווען א שטרייק־ברעכער;

איר האָט מיר אַלעמאָל צוגעזאָגט גאָלדענע בערג און וואָס?
איר האָט מיך געמאַכט פאַר אַ פאַרעטער און איך בין
געבליבן דער זעלבער קבצן ווי אַלע אַרבעטער... די אַר־
בעטער עקספּלאָטירט איר דעם גוף און מיר האָט איר
עקספּלאָטירט מיין גוף און מיין נשמה...

קולאַקאָוויטש: זעט נאָר דעם מענטש מיט אַ נשמה...

ציינהאַקער: יאָ, איך האָב אַ נשמה! איר האָט אַלע־
מאָל געוואוסט אויסצונוצן מיין נויט און אין מיר פאַר
אַ שיסל רייז אָפּגעטויט די נשמה... בלוטזויגער, ס'וועט
אַ רוח אין אייערע לעבער אַריין און איר וועט מער
לאָזערן נישט מאַכן פאַר קיין שטרייק־ברעכער! איר וועט
נאָכגעבן וואָס מיר פאַרלאַנגען, וועלן מיר אַרבעטן; ווען
נישט, ווייל איך שטאַרבן צוזאַמען מיט מיינע חברים איי־
דער הונגערן מיט אייך און איר וועט אַ מכה אויספירן!..

קולאַקאָוויטש: נו? וואָס זאָגט איר צו דער חוצפה?
לוינט זיך צו עפענען פאַר זיי פאַבריקן? לוינט אונז צו
זיין פאַבריקאַנטן?..

(אין מיר באַווייזט זיך ראָסיטאַ, קוקט זיך צו צו דער
סצענע).

ציינהאַקער: איר זייט פאַבריקאַנטן? די פאַבריקאַנטן
זיינען מיר! מיר, די האַרעפּאַשניקעס וואָס אַרבעטן אויס
די סחורות! און איר זייט בלוטזויגער! פאַבריקאַנטן פון
נויט און מיזעריע! אָט וואָס איר זייט! און איצט, חבר
זיגמונט, קומט. מיר האָבן דאָ מער נישט וואָס צו טון;
מיר דאַרפן נישט בעטן, נאָר פאָדערן! די פאַבריקאַנטן
זיינען מיר און זיי, אַ פּאַהיבל אויף זיי, וועלן מוזן אָנ־
קומען צו אונז! קומט, חבר!

ז י ג מ ו נ ט : (דערלאנגט לאָזערן די האנט) קעמפן און זיגן!..

צ יי נ ה א ק ע ר : זיגן, אָדער צוזאמען אונטערגיין! שטארבן און נישט זיין קיין שטרייק־ברעכער!

ב יי ד ע צ ו ז א מ ע ן : מיר, די האָרעפּאשניקעס זיינען די פאבריקאנטן!..

צ יי נ ה א ק ע ר : (גיט א שפּיי צו די פארבליפטע פאבריקאנטן, גייט אָפּ, מיטציענדיק זיגמונטן נאָך זיך).

ק ו ל א ק אָ ו י ט ש : נו? ראָסיטא? זעסט כאָטש ווי דיין קוזין קעמפט קעגן אונז?

ר אָ ס י ט א : נישט קעגן א ו נ ז קעמפן זיי, נאָר קעגן א י י ך און איך וועל גיין מיט זיי!... (שנעל אָפּ)

ק ו ל א ק אָ ו י ט ש : (כאפּט זיך ביים הארץ, וויל נאָך ראָסיטא, עס פעלט אים אָטעם, די איבעריקע כאפּן אים אונטער ער זאָל נישט פאלן).

(פ אָ ר ה א נ ג)

טייטש פון די שפּאַנישע ווערטער וואָס זייגען פאַראַן אין טעקסט:

„אבאָגאַדאָ" — — —	אדוואָקאַט.
בועגאָס טאַרדעס — —	גוטן־אָוונט.
גאַנאַר מוטשאָ — —	פאַרדינען א סך.
סעאַ בוענאַ — — —	זיי גוט.
סקאַרבאַדיענטע — —	צאָן־שטעכער.
פּלאַטאַ — — — —	געלט.
פּועדאָס — — — —	קאָנסט.
קאַסטעיאַנאָ — — —	שפּאַניש.
קאַרגעראָס — — —	שטרייקברעכער.

דערשינענע ביכער

פון זעלבן מחבר:

„חליצה"

דראמע אין דריי אקטן מיט א פראלאג

(קראקע, 1923)

„שפאס און ערנסט"

פאעמען, לידער און פאראדיעס

(ב. איירעס, 1933)

„פאר דראמקרייזן"

10 איינאקטער און סצענירונגען

(ב. איירעס, 1934)

„פון אלץ צו ביסלעך"

20 סקיצן און דערציילונגען

(ב. איירעס 1935)

אין נאמען פון גערעכטיקייט...

טראגעדיע אין דריי אקטן

(זעקס בילדער מיט א פראלאג און עפילאג)

(ב. איירעס, 1935)